# קאמפיין 20':

(פארזעצונג פון זייט 16)

מ'דארף א סאך ארבעטן, האבן א סאך געלט אדער שנארן גרויסע אוצרות צו קענען לויפן פאר פרעזידענט, אבער אין אייאווא, און אין א געוויסן זין אויך אין ניו העמשיר, זעט מען ווי יעדער איינצעלנער איינוואוינער אין די סטעיט (די קאנדידאטן ווייסן דאך נישט ווער עס איז א בירגער) שטייט איצט גרעסער פונעם פרעזידענט, ווייל די קאנדידאטן לויפן זיי נאך, מ'רעכענט זיך מיט יעדן ווארט וואס זיי זאגן, מ'ענטפערט אויף די נארישסטע פראגעס מיט רעספעקט, ח"ו נישט צו באליידיגן קיינעם, ווייל אויב א קאנדידאט פארערדט זיך, ווערט עס באלד א נאציאנאלע נייעס. נו, פארוואס זאלן נישט די אייאווא איינוואוינער איצט גיין מיט'ן קאפ ארויף, ווען די גאנצע פאליטישע וועלט דרייט זיך ארום זיי?

ווען איר לייענט די שורות, מעגט איר שוינען די אייאווא איינוואוינער אז זיי זענען שוין איצט אראפ פון די מאפע, מ'וועט נישט אזוי פראמינענט רעדן פון זיי, מ'וועט זיך נישט אזוי שטארק רעכענען מיט זיי וויניגסטענס ביז קומענדיגן מערץ, ווען נאכ'ן ווינטער פון איבער א יאר וועלן די נייע קאנדידאטן נאכאמאל אנהויבן ארומקריכן אין די שטעט און פארמס פון אייאווא, איינצופעדעמען זייער קאמפיין פאר '24.

אייאווא גייט נישט אינגאנצן ארונטער פון די פאליטישע מאפע, עס פארבלייבט א מעגליכע "סווינג סטעיט" ווען די קאנדידאטן פון ביידע פארטייען וועלן קאמפיינען צוליב די 6 עלעקטאראל שטימען וואס אייאווא האט היי יאר, וואס עס איז טאקע זייער א קליינער צאל, אבער געדענקט, דזשארדזש בוש איז געווארן פרעזידענט אין די וואלן פון '00 באקומענדיג דעם אבסאלוט מינימום 270 עלעקטאראל שטימען!

ניו העמשיר פארמאגט בלויז 4 עלעקטאראל שטימען, עס איז נאך א קלענערע סטעיט פון אייאווא, אבער עס טראגט אויך א דיספראפארציאנאלן געוויכט, ווייל עס איז די סטעיט מיט די ערשטע פריימערי אין לאנד, איז מען אינטערעסירט, מ'איז שטארק נייגעריג צו זען ווער פון די קאנדידאטן עס נעמט בעסער אויס אין אזא דירעקטן פארמעסט צווישן די פרעזידענט קאנדידאטן, ווען מ'זעט זייערע נעמען אויף די ליסטעס און מ'שטימט פאר זיי דירעקט, אן קיין קאקוסעס צוזאמקונפטן אזוי ווי די אין די קאקוסעס סטעיטס.

איצט אז עס איז שוין ויהי ממחרת, מ'האלט שוין נאך אייאווא און מ'גייט צו ניו העמשיר, איז אין פלאץ א קוק צו געבן אויף די איבריגע מאפע, ווי אזוי עס וועט אויסזען אין די נאכפאלגענדע פארמעסטן.

פעברואר איז נאך אין טיפן ווינטער, אבער אין די דרום סטעיטס איז אביסל לייכטער דער וועטער, איז נישט אזא ווילדע זאך אויב עטליכע סטעיטס ווילן שפילן א ראלע, "זיין וויכטיג" מיט באשטימען זייערע פריימעריס באלד ביים אנהויב, אין ערשטן מאנאט פונעם קאמפיין. היי יאר האבן 4 סטעיטס אזוי געטאן: אייאווא, ניו העמשיר, נעווואדא וואו דער פארמעסט וועט פארקומען פעברואר 22 (ש"ק שקלים), און סאוט קארליינא וואו די פריימערי וועט פארקומען א וואך שפעטער, פעברואר 29. (עס איז נישט קיין טעות, איינמאל אין 4 יאר האט פעברואר 29 טעג.)

דערנאך קומט א פאר טעג שפעטער "סופער טוסדעי", מערץ 3, וואס איז א "סופער דינסטאג" צוליב די גרויסע צאל פריימעריס און קאקוסעס וואס וועלן אפגעהאלטן ווערן אין יענעם איינעם טאג. עס איז מעגליך אז נאך יענעם טאג וועט זיך שוין ארויסשטעלן איין קאנדידאט וואס וועט האלטן אזוי שטארק פאראויס אין די צאל דעלעגאטן, אז מ'וועט באטראכטן יענעם קאנדידאט ווי דער "פראנט ראנער", וואס מיינט אלס נומער 1 קאנדידאט, און די קאנדידאטן וואס וועלן שטארק אראפבלייבן, געווינען זייער ווייניג דעלעגאטן, שטיין זייער נידריג אויף די צאל פון די דעלעגאטן, וועלן ערנסט דארפן טראכטן צי עס איז שוין געקומען די צייט צו פאקן די פעק און שליסן דאס געשעפט און האפן אויף מער מזל אין 4 יאר פון איצט.

מיט איין זאך, קענען זיך די שוואכערע קאנדידאטן טרייסטן, אז אפילו אויב זיי זענען מיאוס דורכגעפאלן אין די אייאווא קאקוסעס, האט מען דארט אבער געגעבן א געלעגענהייט אויך צו שטימען פאר א צווייטן אויסוואל, דאס מיינט, אז אפילו די קאנדידאטן וועלכע זענען געווען זייער נידריג אין די אנקעטעס האבן אויך געקענט אנציען שטימען, די מענטשן וואס האבן געשטימט פאר זיי האבן נישט געשפירט ווי זיי "ווארפן אוועק" זייער שטימע, ווייל זיי האבן אויך געהאט די געלעגענהייט צו שטימען פאר א נומער 2 אויסוואל.

דאס איז געווען זייער וויכטיג, ווייל אין די אלע פלעצער וואו מ'האט אפגעהאלטן די קאקוסעס זענען טאקע נאכ'ן אפציילן די שטימען אוועקגעפאלן די אלע קאנדידאטן וואס האבן נישט באקומען מינימום 15 פראצענט פון די שטימען, מ'האט זיי אראפגענומען פון די ליסטע, אבער יענע שטימען זענען געגאנגען צו די קאנדידאטן וואס זענען געווען נומער 2 אויף יענע ליסטע. ממילא אויב עמיצער האט צ.ב.ש., געוואלט שטימען פאר סענאטאר קלאבושאר, אבער האט איינגעזען אז קלאבושאר וועט נישט באקומען קיין מינימום 15 פראצענט פון די נומער 1 שטימען ביי די קאקוסעס, האט אזא וויילער געקענט שרייבן אלס נומער 2 עמיצן פון די שטארקערע קאנדידאטן, אזוי ווי ביידען אדער סענדערס, מיט די פארזיכערונג אז זיין שטימע גייט נישט לאיבוד, נאר עס וועט גיין צו יענעם שטארקערן קאנדידאט און וועט ביישטייערן צו די עווענטועלע צאל דעלעגאטן וואס יענער וועט באקומען.

איין גרויסער אויפטו פון די דעמאקראטן שוין צענדליגער יארן צוריק איז געווען, אוועקצוגיין פון דעם אלטן סיסטעם אז דער געווינער פון א פריימערי באקומט אלע דעלעגאטן פון יענע סטעיט. מ'האט איינגעפירט א מער יושר'דיגן סיסטעם איינצוטיילן די דעלעגאטן לויט די פראצענט פון די שטימען וואס זענען געגאנגען פאר די פארשידענע קאנדידאטן, אזוי אז אפילו א פארלירער גייט אויך נישט ארויס נקי, אן קיין איין דעלעגאט, ממילא דויערט לענגער דער פארמעסט, ביז טיף אריין אין די פריימעריס, ווייל קיין שום קאנדידאט קען נישט באלד נאך די ערשטע פריימערי געווינען אזוי פיל דעלעגאטן אז אנדערע זאלן אים נישט קענען אניאגן און

קריאה הילף
פאר בחורים און קינדער
STEP 1 PROFESSIONAL EVALUATION
STEP 2 THERAPY / REFERRALS
STEP 3 SUCCESS בעז"ה
בּוֹחַן
עזר ויתושיה לעניני קריאה
עקיבא געשטעטנער
NYS DOE Bilingual Certified: Reading, Special Ed., TVI
E: info@boichen.org
845.781.4177
באזונדערע טעראפיסטן פאר מיידלעך
From Assessment to Achievement™

